ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משניות

מסכת

# דמאי

בלשון הקודש
ואידיש

**242**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# משניות
## מסכת דמאי

עם פירוש הנשר הגדול רבינו עובדיה מברטנורא

והוספנו גם כן פירוש המשנה בלשון אשכנז עברי טייטש
בשולי היריעה המפרש ומבאר כל דברי רבותינו ז"ל
בעלי המשנה בקיצור נמרץ, עם פירוש הרע"ב, למען
יבינו כל עם בני ישראל את התורה שבעל פה הנמסרה
לנו על הר האלקים על ידי משה נביאו נאמן ביתו.

והתועלת הפירוש ועל מה ראינו על ככה לעשות את הפירוש הזה כבר מלתנו אמורה והודענו זאת בשבטי ישראל על ידי המודעה אשר הוספנו בלשון הקודש וגם על עברי טייטש, גם נדפסה הקדמה בהתחלת כרך זה.

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

שלא בהיי לעד קרובין למיתה על זה אמרו דמים ואסור לרחם עליו על נפשיה לא חייס כל שצריך ליטול ואינו נוטל הרי זה שופך דמים ואסור לרחם עליו כל שכן של אחרים:

לאמתו וכל מי שאינו לא חגר ולא סומא ולא פסח ועושה עצמו כאחד מהם אינו מת מן הזקנה עד שיהיה כאחד מהם שנאמר (דברים טז) צדק צדק תרדוף · וכל דיין שלוקח שחד ומטה את הדין אינו מת מן הזקנה עד שעיניו כהות שנא׳ (שמות כ״ג) ושוחד לא תקח כי השוחד יעור פקחים וגו׳ :

# סליק מסכת פאה

# מסכת דמאי

כתב הרמב״ם וסידר אחר פאה דמאי בשביל שיש בו לעניים זכות כמו שיש להם בפאה וכן אמרו מאכילין את העניים דמאי :

## פרק א

הקלין שבדמאי השיתין

הקלין שבדמאי . שהקילו חכמים על הפירות הללו הנזכרים במתניתין שלא לעשרן דמאי לפי שחזקתן באים מן ההפקר משום דלא חשיבי ואית בהו תרי ספיקי ספק באים מן ההפקר ופטורים מן המעשר ואפי׳ אם תמצא לומר באים מן השמור וחייבים במעשר שמא נתעשרו . ודמאי הם התבואה והפירות הנקחים מעמי הארץ שהם חשודים על המעשרות והחבר הלוקח פירות מעמי הארץ צריך להפריש מהם תרומת מעשר ומעשר שני בלבד אם היה שנת מעשר שני אבל תרומה גדולה לא נחשדו עמי הארץ עליה לפי שהיא במיתה ואין לה שיעור שחטה אחת פוטרת כל הכרי והכל מזהרים בה ומעשר ראשון ומעשר עני אין צריך להוציא מן הדמאי אף על פי שעמי הארץ חשודים עליהם לפי שיכול בעל הפירות לומר ללוי או לעני הבא ליטול המעשרות הבא ראיה שאין הפירות הללו מעושרים וטול דקי״ל ככל

---

דין (אונ נעמט ניט קיין שוחד נאר ער פאר זיכערט) זיך אויף גאט אז ער וועט אים מפרנס זיין מעט אויך זיין גאט זיין פערזיכערונג (וכל מי שאינו לא חגר) אונ ווער עס איז ניט קיין הינקעדיקר (ולא סומא) אונ ניט קיין בלינדר (ולא פסח) אונ ניט קיין קאליקע אויף ביידי פיס (ועושה עצמו כאחד מהם) אונ ער מאכט זיך בלינד אדר הינקעדיג אדר פאר איין קאליקע (אינו מת מן הזקנה עד שיהיה כאחד מהם) שטארבט ער ניט פון עלטר אונ ער מוז ווערין אין אמת אזו ווי ער הט זיך גימאכט (שנאמר) עס שטייט אין פסוק דר וואס פערלאנגט ביי זוועט עס אים קומען (צדק צדק תרדוף) אויך שטייט אין פסוק גרעכטיקייט גרעכטיקייט זאלסטו נאך זוכן (וכל דיין שלוקח שוחד ומטה את הדין אינו מת מן הזקנה עד שעיניו כהות) אונ יעדר דיין וואס נעמט שוחד אונ פסקנת אפאלשין דין שטארבט ער ניט פון עלטר אונ זייני אויגן ווערין אים טונקיל (שנאמר ושוחד לא תקח כי השוחד יעור פקחים וגו׳) עס שטייט אין פסוק קיין שוחד זאלסטו ניט נעמן ווארום שוחד מאכט בלינד די וואס זעהן :

פרק א (הקלין שבדמאי) דר דין איז אז אמענטש דארף געבן פון זיינע תבואה תרומה צום כהן

השיתין והרימין והעוזרדין ובנות שוח ובנות שקמה ונובלו' התמרה והגופנין והנצפה · וביהודה האוג והחומץ שביהודה · והכסבר · רבי יהודה אומר כל השיתין פטורין חוץ משל דופרה · כל הרימין פטורין חוץ מרימי שקמונה · כל בנות שקמה פטורות חוץ

בכל דוכתא המוציא מחבירו עליו הראיה אבל בתרומת מעשר ליכא למימר הכי שהאוכל טבל שלא הורמו ממנו מתנות כהונה חייב מיתה ומשום איסורא מפרישים לה לתרומת מעשר ומעשר שני נמי כדי שלא יאכלו בטומאה או שלא יאכלו חוץ לירושלים : **השיתין.** תאנים מדבריות . **רימין** . פי' הערוך פוללא"קי בלע"ז : **ועוזרדין** . בערבי זערו"ר ובלע"ז סורבי"ש : **ובנות שוח** . תאנים לבנים המתגדלות משלש שנים לשלש שנים ומתגדלים ביערים : **ובנות שקמה**. תאנה המורכבת בערמון : **ונובלת תמרה** · תמרים שאינם מתבשלין באילן ותולשין אותם ומניחים אותם זה על זה עד שיתבשלו ויש אומרים נובלות תמרה תמרים שהפילתן הרוח קודם בשול : **גופנין** . ענבים שמניחים אותן בגפן בסוף הבציר ובקוצי מתבשלים . **הנצפה** . צלף שקורין קאפר"י בלע"ז : **האוג** . פרי אחד שקורין לו בלע"ז קורנ"לא . והרמב"ם אומר שהוא אילן שעושה כמין אשכלות אדומות וקורין לו בערבי סומאק ולא היה זה הפרי חשוב ביהודה : **והחומץ** . בתחלה לא היה היין שביהודה מחמיץ לפי שהיו מביאים ממנו נסכים וכל החומץ שביהוד' לא היה בא אלא מהתמד לפיכך החומץ שביהודה פטור אבל לאחר שבטלו נסכים והחומץ בא מן היין החומץ חייב בדמאי אף ביהודה כמו בשאר המקומות : **והכסבר** . כזרע גד (שמות ט"ז) תרגום ירושלמי כהסבר קוליאנדר"י בלע"ז : **דופרה** . שטוען פירותיו שני פעמים בשנה דו בלשון יון שנים : **שקמונה** . שם מקום : **המוסטפות** . שנתבשלו באילן עד שנתבקעו מאליהן

---

צוויי פון הונדערט. אונ מעשר צום לוי צעהן פון הונדערט. אונ דר לוי גיט איינס פון צעהן פון זיין מעשר צום כהן דס הייסט תרומת מעשר. אונ איין עם הארץ איז חשוד אז ער זאל ניט געבן קיין מעשר דאריבר דר ווס קופט תבואה פון איין עם הארץ ווערט די תבואה גרופן דמאי (דס איז צוויי ווערטר דא מאי. מען ווייס ניט ווס דס איז צו דר עם הארץ הט גגעבן דר פון מעשר צו ניין) אונ פון ספק דארף דר ווס הט גקופט געבן מעשר. זאגט די משנה [הקלין שבדמאי] די פירות ווס דא איז גרעכנט האבן די רבנן גרינג גמאכט אונ האבן ניט גהייסן דעם יוס הט גקופט ער זאל געבן דר פון מעשר. ווארום די פירות איז מען מפקיר אונ הפקר איז פטור פון מעשר. [השיתין] ווילדע פייגן . [רימין עוזרדין ובנות שוח] ווייסע פייגן. אונ [בנות שקמה. ונובלות התמרה] טייטלן ווס ווערן אופן בוים ניט צייטיג גאר מען נעמט זייא אראפ פון בוים אום צייטיג אזו מען לייגט זיי איינס אופן אנדרן אונ ליגן ביז זיי ווערן צייטיג . [גופנין] ווייגטרויבן ווס דארפן לאנג שטיין אופן בוים ביז זייא זאלן צייטיג ווערן [והנצפה . וביהודה האוג] אונ אין לאנד יהודה האוג רויטי ווייגטרויבן [והחומץ שביהודה] אונ עסיג פון יהודה . [והכסבר]. די אלע זאכן זענען הפקר אונ זענען פטור פון דמאי . [רבי יהודה אומר כל השיתין פטורים] רבי יהודה זאגט אלי שיתין (ווילדי פייגן) זענן פטור פון דמאי . [חוץ משל דופרה] נאר די שיתין ווס וואקסן אוף אזו א בוים ווס די פירות וואקסן אוף אים צוויי מאהל אין יאהר די זענן חייב בדמאי [כל הרימין פטורין חוץ מרימי שקמונה] אלע רימין זענן פטור נאר די רימין ווס וואקסן אין דעם ארט שקמונה די זענן חייב [כל בנות שקמה פטורות] אלי בנות שקמה זענן פטור (חוץ מן המוסטפות) נאר די מוסטפות ווס ווערן צייטיג אופן בוים ביז זיי ווערן

**ב** הדמאי אין לו חומש ואין לו ביעור ונאכל לאונן ונכנס לירושלים ויוצא ומאבדין את מעוטו בדרכים ונותנו לע"ה ויאכל כנגדו ומחללים אותו כסף על כסף

מחליפו בכל אלו חשובים הן וחזקתן שאין באין מן ההפקר ואין הלכה כר"י: **ב הדמאי אין לו חומש**. הפודה ממעשר שני של דמאי אינו נותן את החומש משום דרוב עמי הארץ מעשרין הם הלכך קרן דמעכב דאורייתא איתא בדרבנן חומש דלא מעכב בדאורייתא יהבל: **ואין לו ביעור**. בסוף שלש שנים שחייב לבער כל מעשרותיו כדכתיב (דברים כו) בערתי הקדש מן הבית ולא הקמוה רבנן בדמאי: **ונאכל לאונן**. דמעשר שני של ודאי אסור לאונן דכתיב (שם) לא אכלתי באוני ממנו ומעשר שני של דמאי לא גזרו בו: **ונכנס לירושלים ויוצא**. נפדה ונאכל חוץ לירושלים מה שאין כן בודאי שהמחיצות קולטות ואין יכולין לפדותו ולהוציאו חוץ לחומה לאחר שנכנס ובדמאי לא גזור: **ומאבדים את מעוטו בדרכים**. אם היה מעשר שני של דמאי בדרכים במקום גדודי חיה ולסטים אפילו היה דבר מועט ויכול להביאו בלא טורח ובלא הפסד אינו חושש לו ומניח אותו ליאבד בדרך במקום שהוא שם. ורמב"ם פירש שאם בשעה שמוליך מע"ש דמאי לירושלים נאבד ממנו מעט בדרך אינו חושש לו מה שאין כן בודאי שצריך שיעלהו כולו או דמיו ולא יפקיד ממנו כלום בדרכים: **ונותנים אותו לעמי הארץ**. לאכלו בירושלים ואף על פי שהוא חשוד לאכלו בטומאה מה שאין כן בודאי שאין מוסרים אותו לעם הארץ לפי שאינו נזהר לאכלו בטהר': **ויאכל כנגדו**. כנגד מה שנתן לעם הארץ לוקח מנכסיו ואוכל בטהרת מעשר בירושלים: **ומחללים אותו כסף על כסף**. אם יש לו כסף מעשר שני של דמאי והוא צריך לו יכול

צו שפארטן פון זיך אליין זענן חייב. וואררום די אלע וואס רבי יהודה רעכנט איז מען זיי ניט מפקיר דאריבער זענן זיי חייב בדמאי: **ב** (הדמאי אין לו חומש) דער וואס האט גקופט פירות פון איין עם הארץ און ער שייט אפ מעשר עני פון ספק ווענן וואס ער דארף די פירות פירן קיין ירושלים און ער קען אוס בייטן אויף געלט און די געלט פירן קיין ירושלים. זאגט די משנה אז ער בייט אוס אויף געלט דארף ער ניט געבן מיט אפינפטיל מעהר ווי עס איז ווערט: (ואין לו ביעור) און ער דארף ניט מבער זיין די דמאי סוף דריי יאהר פון שמטה אזוי ווי דר דין איז ביי גוויסי מעשר. (ונאכל לאונן ונכנס לירושלים ויוצא) (אונן הייסט דר מענטש וואס איז ביי איהם גשטארבן הקרוב וואס איז נוהג ביי איהם אבלות. פר דר קבורה הייסט ער אאונן) איז דר דין גוויסע מעשר טאר ער ניט עסן ווען ער איז אאונן. אבער דמאי מעג ער עסן אפילו ער איז אאונן: (ונכנס) גוויסע מעשר ווי באלד עס איז גקומן אין ירושלים טאר מען עס ניט אוס לייזן און ארויס פירן פון ירושלים. אבער דמאי אפילו עס איז גיקומן קיין ירושלים מעג ער אויס לייזן און ארויס פירן פון ירושלים [ומאבדין את מעוטו בדרכים] גוויסע מעשר מוז ער ברענגן אדר די גאנצי פירות אדר די גאנצע געלט אין ירושלים און טאר גאר ניט פאר לירן דר פון אבער דמאי אפילו עס איז אביסיל פאר לארין גווארן דר פון אין וועג דארף ער עס ניט נאך זוכן [ונותנו לעם הארץ] גוויסע מעשר טאר מען ניט געבן קיין עם הארץ טאמר וועט ער עסן בטומאה אבער דמאי מעג מען געבן צו איין עם הארץ [ויאכל כנגדו] נאר דר בעל הבית דארף קויפן פון זיין געלט פלייש אדר פירות וואס עס זאל ווערט זיין אזוי פיל ווי ער האט געגעבן דעם עם הארץ. און ער זאל דס עסן בטהרה אזוי ווי גוויסע מעשר [ומחללין אותו כסף על כסף] מעשר שני פון דמאי אז ער האט אוים גביטן אויף זילבר געלט מעג ער אוים בייטן די זילבר געלט אויף

נחשות על נחשת כסף על נחשת ונחשת על הפירות ובלבד שיחזור ויפדה את הפירות. דברי רבי מאיר. וחכמים אומרים יעלה הפירות ויאכלו בירושלים: ג הלוקח לזרע ולבהמה קמח לעורות שמן לנר שמן לסוך בו את הכלים פטור מן הדמאי. מכזיב ולהלן פטור מן הדמאי. חלת עם הארץ והמדומע והרוקח

יכול לחללו על כסף חולין מה שאין כן בודאי שאין מחללין כסף על כסף אלא בסלעים של שני מלכים שיכול לחלל זה ע"ל זה אם השני חריף אבל של מלך א' לא דלאו דרך חלול הוא ובדמאי שרי: כסף על נחשת. אפילו שלא מדוחק אבל של ודאי מדוחק אין שלא מדוחק לא: ויחזור ויפדה את הפירות. גרסי' ול"ג ובלבד שיחזור ויפדם. וה"ק ויכול לחזור ולפדו' את הפירות אם ירצה דברי ר"מ וחכ"א אינו יכול לחזור ולפדותם אלא מעלה הפירות לירושלים והלכה כחכמים: ג והלוקח לזרע. לקח תבואה לזרעה פטור מדמאי דאילו טבל ודאי אסור לזרוע: ולבהמה. לקח מתחלה לאכיל' לבהמה פטור מן הדמאי אבל לקח מתחלה לאדם ונמלך עליה לבהמה חייב לעשר בדמאי: וקמח לעורות. לעבד בו עורות. מכזיב ולהלן. כזיב הוא סוף המקום שכבשו עולי בבל ומשם ולהלן כבשו עולי מצרים ולא כבשו עולי בבל ולא נתחייבו בדמאי אלא הארצות שכבשו עולי בבל בלבד הלכך מכזיב ולהלן פטור מן הדמאי ולא חיישינן שמא מפירות הארץ שכבשו עולי בבל הוליכו לשם שחזקה הוצאה לארץ פטור עד שיודע לך שהוא חייב וחזק' ארץ ישראל חייב עד שיודע לך שהוא פטור: חלת עם הארץ. שתקן לו גבל חבר ורוצה ליתנה לכהן חבר פטור מלעשר: והמדומע. עם הארץ שנפלה לו סאה של תרומה לפחות ממאה סאין של חולין שנעשה הכל מדומע

כלומר

---

זילבר געלט פון חולין [נחושה על נחושת] אדר קופער געלט פון מ"ש אויף קופער געלט פון חולין [כסף על נחושת] אדר זילבר געלט אויף קופער געלט [ונחושת על הפירות] אונ די קופער געלט מעג ער אויס בייטן זאוף פירות [ובלבד שיחזור ויפדה את הפירות] אונ ער מעג די פירות נאך אמאל אויס לייזן [דברי רבי מאיר] אזו זאגט רבי מאיר [וחכמים אומרים יעלה הפירות ויאכלו בירושלים] זאונ די חכמים זאגין אז די ערשטי פירות וואס זיי אליין זענן מעשר קען מען אויס בייטן אויף געלט. אבער אז מען האט אום גביטן די פירות פון מעשר אויף געלט אונ די געלט אויף פירות קען מען שוין די פירות ניט מעהר אום בייטן נאר מען מוז זיי ברענגין אין ירושלים אונ דארט עסן: ג [הלוקח לזרע] אז איינר קויפט תבואה פון איין עם הארץ ער זאל דיא תבואה פאר זייען דארף ער ניט געבין דר פון קיין דמאי [ולבהמה] אדר אז ער קויפט דיא תבואה ער זאל געבין עסין א בהמה איז ער פטור פון דמאי [קמח לעורות] אדר ער קויפט מעל אויס צו ארבייטין דיר מיט פעל [שמן לנר] אדר ער קויפט אייל צום ברענן [שמן לסוך בו את הכלים פטור מן הדמאי] אדר אויס צו שמירין דר מיט כלים. אונ ניט צום עסין. איז ער פטור פון דמאי [מכזיב ולהלן פטור מן הדמאי] פון דר שטאט כזיב אונ ווייטר איז מען פטור פון דמאי [חלת עם הארץ] אז אלכהן האט גקנעטין די טייג פון אעם הארץ בטהרה. אונ דר עם הארץ וויל געבין פון דר טייג חלה צו אכהן אלמדן דארף דר כהן ניט געבן פון דיא חלה קיין דמאי. וואָרום דר עם הארץ ווייס אז חלה איז הייליג וועט ער עס ניט געבן אום נימעשרט [והמדומע] אז איין עם הארץ האט גיהאט אסאה תרומה (וואָרום תרומה גיט איין עם הארץ אוך נוויל עס קומט מיתה אז מען עסט די תבואה אונ מען האט ניט געגעבן דר פון קיין תרומה). אונ דיא סאה תרומה איז אריין גפאלן אין ווייניגער וויא הונדערט סאה חולין. איז דר דין אז עס

והלוקח בכסף מעשר שני ושירי המנחות פטורין מן הדמאי • שמן ערב בית שמאי מחייבין • ובית הלל פוטרין : **ד** הדמאי מערבין בו ומשתתפין בו ומברכים עליו ומזמנין עליו ומפרישין אותו ערום • (ירושלמי וכין) בין השמשות • הא אם
הקדים

כגומר שירוב תרומה ונותן הכל לכהן פטור מלעשר דמאי : **והלוקח בכסף מעשר** • שלקח דמאי במעות של מעשר שני בין במעות מעשר שני של דמאי בין במעות מעשר שני של ודאי פטור מלעשר : **ושירי מנחות** . שהקומץ למזבח והשירים נאכלים לכהנים ולא חיישינן שמא הבית ע"ה דבר שאינו מתוקן : **שמן ערב** . שמן אפרסמון וי"מ שמן זית מעורב עם מור ואהלות ובשמים : **ד מערבין בו** . ערובי תחומין וחצרות : **ומשתתפין בו** . שתופי מבואות ואף ע"ג דלא חזי ליה מגו דאי בעי מפקיר לנכסיה הוי עני וחזי ליה דהא תנן מאכילין את העניים דמאי השתא נמי חזי ליה : **ומברכין עליו** . ברכת המזון : **ומזמנין עליו** . ואע"ג דאכל בעבירה דלאו עני הוא מגו דאי בעי מפקיר לנכסיה והוי עני וחזי ליה : **ומפרישין אותו ערום** . כשבא להפריש ממנו תרומת מעשר שני יכול להפריש והוא ערום דלא בעי ברוכי דאילו בעי ברוכי הא בעינן והיה מחניך קדוש (דברים כג) וליכא : **בין השמשות** . של ערב שבת דספק
הביאה

---

אין גאנצין גוואריז תרומה אונ מען דארף דס געבן דעם כהן • דארף דר כהן ניט געבין דר
פון קיין דמאי . ווארום וויל ער וייס אז תרומה איז הייליג גיט ער עס ניט דעם כהן אום גימעשרט
(והלוקח בכסף מעשר שני) אז איינר הט גקויפט פאר די געלט פון מעשר שני פירות פון איין
עם הארץ דארף ער ניט געבן דר פון קיין דמאי (ושירי המנחות פטורין מן הדמאי) אז איין עם
הארץ הט גיבראכט המנחה וס דר כהן נעמט א האס דר פון אביסיל אין האנט אונ איז מקריב
אוף דעם מזבח אונ דיא איבריגע עסט דר כהן • דארף דר כהן דר פון ניט געבן קיין דמאי ווארום
ארץ וס דר עם הארץ גיט דעם כהן איז דס באוי אום הייליג גיט ער פריער דר פון מעשר •
(שמן ערב בית שמאי מחייבין) דס איז אייל צו מישטע מיט בשמים צו שמירן זיך זאגן בית
שמאי אז מען דארף דר פון געבן דמאי (ובית הלל פוטרין) אונ בית הלל זאגן אז עס איז פטור
פון דמאי : (הדמאי מערבין בו) דר דין איז אז שבת טאר מען ניט גיין פון שטאט מעהר
וויא צוויי טויזענד איילין, אונ אז איינר דארף גיין מעהר וויא צוויי טויזענד איילין טוט ער אזו
גייט ער ערב שבת צוייא טויזענד איילין פון שטאט אונ לייגט דארט אשטיקיל ברויט וס עס
איז גינוג אוף צוויי סעודות . אונ קומט באלד צו ריק אהיים . מעג ער שוין גיין שבת פון שטאט
פיר טויזענד איילין. דס ווערט גירופין עירובי תחומין . זאגט דיא משנה אז די ברויט פון עירובי
תחומין מעג מען לייגן פון דמאי (ומשתתפין בו) דר דין איז אז שבת טאר מען ניט ארויס
טראגין פון שטוב אין הויף סיידן אז אלע איינוואהנר פון הויף זאל יעדר געבן אשטיקל ברויט
אונ די ברויט לייגט מען אריין צו איינם אין שטוב מעג מען שוין ארויס טראגין פון שטוב אין
הויף (אזו וויא עס שטייט אין דר מסכת עירובין) . די ברויט מעג זיין פון דמאי (ומברכין עליו)
אונ אז מען עסט דמאי (חאטשי דס איז איין עבירה) מוז מען נאך דעם בענטשין (ומזמנין עליו)
אונ בענטשין מיט איין מזומן (ומפרישין אותו ערום) אז ער שייט אפ מעשר פון דמאי מעג ער
עס אפ שיידן ווען ער איז נאקט ווארום מען דארף ניט מאכן קיין ברכה אוף דעם אפ שיידין •
אבר גוויסע מעשר טאר ער ניט אפ שיידן ווען ער איז נאקט ווארום ער דארף מאכין א ברכה
להפריש מעשר אונ א ברכה טאר מען ניט מאכין ווען מען איז נאקט)(בין השמשות) ערב שבת

הקדים מעשר שני לראשון אין בכך כלום · שמן שהגרדי סך באצבעותיו חייב בדמאי ושהסורק נותן בצמר פטור מן הדמאי :

פרק ב **ואלו** דברים מתעשרין דמאי בכל מקום · הדבילה והתמרים והחרובים האורז והכמון · האורז שבחוצה לארץ כל המשתמש ממנו פטור : **ב** המקבל עליו להיות נאמן מעשר את שהוא אוכל ואת שהוא מוכר ואת שהוא לוקח ואינו מתארח אצל עם הארץ · רבי יהודה אומר אף המתארח אצל עם הארץ

הפיכה מעשרין את הדמאי ואין מעשרין את הודאי: **ואם הקדים מעשר שני לראשון.** שהפריש מעשר שני של דמאי קודם שהפריש מעשר ראשון כדי ליטול תרומת מעשר שבו אין בכך כלום מה שאין כן בודאי דתנן כל מלוקט אשר ויהמי (כס ט) זה אם הקדים מעשר שני לראשון אינו יכול להתודות : **הגרדי.** האורג : **חייב בדמאי.** שעל גופו הוא נותנו והוי כסיכה כשתיה: **ושהסורק.** הצמר במסרק נותן על הצמר הוי כשמן לסוך את הכלים ופטור מן הדמאי :

פרק ב **ואלו** דברים. **בכל מקום.** אפי' מכזיב ולהלן אם לקחן מעם הארץ בידוע שמארץ ישראל באו דמינכרי שלא דוגמתן אלא בארץ ישראל: **והאורז.** שבחוצה לארץ כל המשתמש ממנו פטור. אפילו בארץ ישראל דמוכר טפי ולא אתי לאחלופי באורז של א"י אבל שאר דברים המוכרים במתניתין איכא מינייהו בא"י דדמו לאותן שבחוצה לארץ אלא דהכא להפיגי דדרך לגונבם מתוך חביותן למקומות שאין כיוצא בהן בני עסורי דבידוע שמארץ ישראל הן: **ב להיות נאמן.** על המעשרות ולא יהיו פירותיו דמאי מכאן ואילך: **את שהוא לוקח.** ע"מ למכור דאילו על מנת לאכול הא תנא ריבה מעשר את שהוא אוכל : **ואת שהוא מוכר.**

כפירות

---

בין השמשות מעג מען געבן מעשר פון דמאי אבער פון געוויסע אונ גימעשרטע תבואה טאר מען ניט געבן קיין מעשר (הא אם הקדים מעשר שני לראשון אין בכך כלום) אונ ער מעג אפ שיידן מעשר שני פאר מעשר ראשון פון דמאי (שמן שהגרדי סך באצבעותיו חייב בדמאי) דיא אייל וואס דער וועבר שמירט דיא פינגר איז חייב בדמאי. ווארום מיט די פינגר שמירט ער דעם גוף אונ שמירן האט דעם זעלביגן דין אזו וויא טרינקן (ושהסורק נותן בצמר פטור מן הדמאי) אונ די אייל וואס מען גיסט אוף די וואל ווען מען קעמט זייא איז פטור פון דמאי :

פרק ב [ואלו דברים מתעשרין דמאי בכל מקום] אונ די זאכן מוז מען מעשרן דמאי אין אלע ערטער אין ארץ ישראל אונ אין חוץ לארץ. ווארום די מינים דר קענט מען ניט וועלכי איז פון ארץ ישראל אונ וועלכע איז פון חוץ לארץ דאריבר דארף מען אין חוץ לארץ מעשרן ווארום טאמר איז דס פון ארץ ישראל. [הדבלה]. גפרעסטי פייגן: [התמרים] טייטלן [והחרובין] באקסרין: [האורז] רייז. (והכמון). (האורז שבחוצה לארץ) דיא רייז וואס וואקסט אין חוץ לארץ דר קענט מען אז זי איז פון חוץ לארץ דאריבר (כל המשתמש ממנו פטור) אוף וועלכן אופן מען ניצט איהר איז מען פטור פון דמאי : **ב** (המקבל עליו להיות נאמן) דר וואס נעמט אוף זיך צו זיין בגלויבט אוף מעשרות אז זיינע פירות זאלן ניט זיין קיין דמאי [מעשר את שהוא אוכל ואת שהוא מוכר ואת שהוא לוקח] מוז ער געבן מעשר פון דעם וואס ער עסט אונ וואס ער פר קויפט אונ וואס ער קויפט (צום פר קויפן) (ואינו מתארח אצל עם הארץ) אונ ער טאר ניט איין שטיין בייא איין עם הארץ (רבי יהודה אומר אף המתארח אצל עם הארץ נאמן) רבי יהודה זאגט אפילו ער שטייט איין בייא איין עם הארץ פון

הארץ נאמן · אמרו לו על עצמו אינו נאמן כיצד יהא נאמן על של אחרים: ג המקבל עליו להיות חבר אינו מוכר לעם הארץ לח ויבש ואינו לוקח ממנו לח ואינו מתארח אצל עם הארץ ולא מארחו אצלו בכסותו ·

רבי

מפירות קרקעותיו: **על עצמו אינו נאמן.** שהרי הוא אוכל דבר שאינו מתוקן כשהוא מתארח אצל עם הארץ ור״י סבר שאינו מפסיד נאמנותו בכך ואין הלכה כרבי יהודה: **ג להיות חבר.** לענין טהרות דהיינו פרוש ויהיו בגדיו ומשקים שלו טהורים אפילו תלמיד חכם אינו נאמן לענין טהרות עד שיקבל עליו דברי חבירות אלא א״כ היה זקן ויושב בישיבה והמקבל עליו דברי חבירות צריך להרגיל עצמו שלשים יום ואחר כך יהיו בגדיו ומשקים שלו טהורים ואין קבלת דברי חבירות בפחות משלשה חברים אלא א״כ היה המקבל ת״ח שאין צריך בפני שלשה ועוד אלא שאחרים מקבלים בפניו: **לח ויבש.** דאין מוכרי׳ טהרות לעם הארץ שאסור לגרום טומאה להולין שבארץ ישראל: **ואין לוקח ממנו לח.** אבל יבש לוקח ממנו שלא הוכשר לקבל טומאה כ״ז שלא בא עליו משקה ונאמן עם הארץ לומר שפירות הללו לא הוכשרו אבל אינו נאמן לומר שהוכשרו אבל לא נטמאו: **ולא יתארח אצל עם הארץ.** שלא יטמא ויבא ויטמא טהרות: **ולא מארחו.** לעם הארץ: **אצלו בכסותו.** דכסות עם הארץ טומאתו חמורה מטומאת עם הארץ עצמו דחיישינן שמא [ישבה] עליהן אשתו נדה ובגדי עם הארץ מדרס לפרושים אי נמי לכך אמרו

לא

---

דעסט וועגן איז ער בגלובט [אמרו לו על עצמו אינו נאמן כיצד יהא נאמן על של אחרים האבן די חכמים צו אים גזאגט אז ער איז אוף זיך ניט בגלובט (ווארום עס קען דאך זיין אז ער עסט בייא דעם עם הארץ ניט קיין גיפערשטי ווי קען ער בגלובט זיין אוף אנדרי: ג [המקבל עליו להיות חבר] דר וואס נעמט אוף זיך צו זיין א חבר דאס איז אלמדן וואס איז בגלובט אוף טהרות) (אינו מוכר לעם הארץ לח ויבש) טאר ער ניט פר קויפן צו איין עם הארץ ניט פייכטי אונ ניט טרוקני פירות (ווארום דר עם הארץ איז דאך טמא אונ ווי ער וועט נאר אן רירן וועט ער דס מטמא זיין אונ מטאר ניט מטמא זיין טהרות) (ואינו לוקח ממנו לח) אונ ער טאר ניט קויפן ביי דעם עם הארץ פייכטי פירות (דר דין איז פירות ווערין אנדערש ניט טמא ביידין נאך דעם אפ רייסין פון פעלד איז גוועזן אוף זייא וואסר. אבער אז עס איז אוף זייא קיין וואסר ניט גוועזן אפילו עס רירט זיך אן הטומאה ווערט אויך ניט טמא) ווארום זיי זענען טמא. אפילו דר עם הארץ זאגט אז עס האט זיך ניט אן גערירט קיין טומאה. איז ער ניט בעגלויבט. אבער טרוקני פירות. אונ דר עם הארץ זאגט אז עס איז נאך אוף זיי קיין וואסר ניט גוועזן נאך דעם אפ רייסין. זענען זיי דאך גוויס ניט טמא מעג מען בייא אים קויפן. ווארום נאמנות האט דר עם הארץ. דאריבר אז ער זאגט עס איז נאך ניט גוועזן קיין וואסר אוף דיא פירות איז ער באגלויבט נאר דס וואס ער איז ניט בעגלויבט אוף טומאה איז וייל ער ווייס ניט דיא דינים פון טומאה עס קען זיין עס האט זיך אן גרירט הטומאה נאר ער מיינט עס איז טהור [ואינו מתארח אצל עם הארץ ולא מארחו אצלו בכסותו) אונ ער זאל ניט זיין צו גאסט בייא איין עם הארץ. ווארום דארט אין שטוב איז אלץ טמא וועט ער זיך אן רירין אן הטומאה אונ דר נאך וועט ער מטמא זיין טהרות. אונ ער זאל ניט פאר בעטן דעם עם הארץ צו זיך אונ ער זאל גיין אין זייני קליידר. ווארום זייני קליידר זענען טמא וועט ער דאך מטמא זיין דיא טהרות פון חבר מיט זייני קליידר. פון עם הארץ אליין וועט זיך דר חבר קענען היטין ער זאל ניט אן רירין אבר פון די קליידר זייני וועט ער זיך ניט קענען היטין. ווארום די קליידר קענען זיך אמאל אן רירין אן

רבי יהודה אומר אף לא יגדל בהמה דקה ולא יהא פרוץ בנדרים ובשחוק ולא יהא מטמא למתים ומשמש בבית המדרש אמרו לו לא באו אלו לכלל: **ד** הנחתומים לא חייבו אותם חכמים להפריש אלא כדי תרומת מעשר וחלה • החנונים אינן רשאין למכור את הדמאי • כל המשפיעין במדה גסה רשאין למכור את הדמאי
אלו

אלא מלהתו אלא בכסותו דממגע עצמו יכול לאכול שפי ממגע כסותו: **אף לא יגדל בהמה דקה** • שאסור לגדל בהמה דקה בארץ ישראל שלא ירעו בשדות אחרים: **ולא יהא פרוץ בנדרים** • שסופו לבא לידי חלול: **ולא יהא פרוץ בשחוק** • דשחוק וקלות ראש מרגילין את האדם לערוה: **ומשמש** • תלמידי חכמים בבית המדרש: **לא באו אלו לכלל** דאינעניינ'נוגע לטהרות ואין הלכה כר"י:

**ד הנחתומים** • נחתום הוא שלוקח תבואה מעם הארץ שהיא דמאי לא חייבו אותו חכמים להפריש: **אלא כדי תרומת מעשר** • שהוא אחד ממאה אבל לא מעשר שני מתוך שמוטרי המלך ונוגשיו חובעים אותם בכל שעה ואומרים להם מכרו בזול לא העריחו עליהם חכמים במעשר שני שטרחו מרובה שצריך לאוכלו בירושלים ודיקא כשמוכר לחבר שהלוקח יפריש מעשר שני אבל אם מוכר לעם הארץ חייב להפריש מעשר שני קודם שימכור: **החנונים** • שמוכרים מעט מעט בחנות אינן רשאין למכור את הדמאי הואיל ואין משתכרים הרבה עליהם מוטל לתקן א"נ מפני שרגילין למכור לתינוקות שלא יאכלו התינוקות דבר שאינו מתוקן: **כל המשפיעים** • שמוכרים בשפע הרבה ביחד: **במדה גסה** • לקמן מפרש כמה היא מדה גסה: **רשאין למכור את הדמאי**

אנאך אונ דר מענטש זאל גאר ניט וויסן, רבי יהודה זאגט (אף לא יגדל בהמה דקה) אמאהן טאר ניט האדיוון קליינע בהמות. (ווארום מען טאר ניט האדיוון קליינע בהמות אין ארץ ישראל כדי זיי זאלין ניט אוף עסין דיא תבואה פון דיא פעלדר) [ולא יהא פרוץ בנדרים] אונ ער זאל ניט זיין גיוואנט אוף יעדר זאך אנדר צו טאהן. ווארום אז ער וועט האבן או' זי פיל נדרים וועט זיין דר סוף אז עו' וועט ניט מקיים זיין (ובשחוק) ער זאל ניט פיל לאכין (ולא יהא מטמא למתים) אונ ער זאל זיך ניט מטמא זיין צו מתים [ומשמש בבית המדרש אונ ער זאל בעדינן די תלמידי חכמים פון בית המדרש. אזו זאגט אך רבי יהודה (אמרו לו לא באו אלו לכלל) האבן דיא חכמים צו אים גזאגט דיא אלע זאכין גיהערין דאך ניט צו טהרות. דיא משנה שמועסט דאך נאר פון אזעלכין וואס זיל ווערין אחבר צו טהרות. דאריבר וויא באלד ער היט זיך נאר אין טהרות האטשי אין דיא אלע זאכן וואס רבי יהודה רעכינט היט ער זיך ניט הייסט ער אוך אחבר צו טהרות: ד (הנחתומים לא חייבו אותם חכמים להפריש אלא כדי תרומת מעשר וחלה) אבעקר וואס ער איז אחבר אונ הט גקויפט תבואה פון איין עם הארץ האבן דיא חכמים אים ניט מחייב גוועהן אפ צו שיידן פון דיא דמאי נאר תרומת מעשר דס איז איינס פון הונדערט. אונ חלה דארף ער אוך געבן דעם כהן. אבר מעשר שני האבן אים דיא חכמים ניט מחייב גוועהן אפ צו שיידן אונ פירין אין ירושלים. ווייל מען פלעגט זיא נייטין פון מלך זייא זאלן פאר קויפן וואלוויל. האבן זייא ווייניג פאר דינט. דאריבר האבן דיא חכמים אוף זיי מיקל גוועהן. דס איז נאר אז דר בעקר פאר קויפט צו אחבר וועט דר חבר אפ שיידן מעשר שני. אבר אז ער פאר קויפט צו איין עם הארץ מוז דר בעקר אפ שיידן מעשר שני [החנונים אינן רשאין למכור את הדמאי] דיא קרעמר וואס פאר קויפן ביסלאך וויים טארין ניט פאר קויפן קיין דמאי. ווייל זייא פאר דינן פיל מזון זייא געבן מעשר [כל המשפיעין במדה

אלו הן המשפיען במדה גסה כגון הסיטונות ומוכרי תבואה : ה רבי מאיר אומר את שדרכו להמדד (בגסה ומדדו בדקה טפלה דקה לגסה • את שדרכו להמדד בדקה ומדד בגסה טפלה גסה לדקה) • איזה היא מדה גסה ביבש שלשת קבין ובלת דינר . רבי יוסי אומר סלי תאנים וסלי ענבים וקופות של ירק כל זמן שהוא מוכרן אכסרה פטור :

הדמאי • דרך המוכרים הרבה ביחד להוסיף על המדה ולכן נקראו משפיעים שנותנין מדה גדושה ומוסיפים על המדות ומשום הכי לא הטילו עליהם לעשרים את הדמאי אלא על הלוקח מהם : הסיטונות . הם הסוחרים הגדולים הקונים תבואה מבעלי התבואה או מוכרים אותה לחנונים במדה גסה : ה את שדרכו להמדד בדקה ומדדו בגסה גרסינן . טפלה דקה לגסה • ופטור כשהוא מוכר בגסה ולא אמרינן כיון דדרכו למוד בדקה חייב אף כשמודד בגסה : ובלת דינר • מדה שיש בה מה שהוא שוה דינר לפי שלא היתה מדה ידועה אלא שהשער מתהפך תמיד לכך שיערו בדמים : אכסרה • לא במדה ולא במשקל אלא לפי האומד פטור דהוי כמוכר בגסה ואין הלכה כרבי יוסי :

מאכילין

---

גסה דשאין למכור את הדמאי) אלע וואס פאר קויפן מיט אגרויסי מאס (דאס הייסט אסך מיט אין מאהל) מעגין פאר קויפן דמאי • ווארום דער שטייגער איז דיא וואס פאר קויפן מיט איין מאל אסך גיבין מער וויא דיא מאס איז. דאריבר דארף דער לוקח געבין מעשר אונ ניט דער מוכר [אלו הן המשפיעין במדה גסה] אונ דאס זענן דיא וואס פאר קויפן מיט אגרויסי מאס [כגון הסיטונות ומוכרי תבואה] דהיינו הסיטונות די וואס האנדלן מיט וויץ אדער מיט אנדערי תבואה (וואס קויפן צו זאמן פיל תבואה פון בעלי בתים אונ פאר קויפן אויף איין מאל זייער פיל): ה [רבי מאיר אומר את שדרכו להמדד בגסה ומדדו בדקה טפלה דקה לגסה] רבי מאיר זאגט די זאך וואס מען מעסט אלע מאל מיט אגרויסי מאס (איז מען דאך פטור פון דמאי. אזו וויא אין יענר משנה איז געשטאנען) אונ ער האט אבר די זאך פאר קויפט מיט אקליינר מאס. איז דיא גרויסי מאס הטפל צו דער קליינער. דאס הייסט איך רעכן ניט וויא ער פאר קויפט אלע מאהל (אויף דער גרויסער מאס) נאר איך רעכן וויא ער האט איצט פאר קויפט. אויף דער קליינר מאס איז זיא דער עיקר איצט. אונ ער דארף געבין מעשר [את שדרכו להמדד בדקה ומדד בגסה טפלה גסה לדקה] אדער פאר קערט אז ער פאר קויפט אלע מאהל מיט דר קליינר מאס אונ איז חייב במעשר אונ איצט האט ער פאר קויפט מיט דר גרויסר מאס. איז די קליינע מאס הטפל צו דר גרויסר אונ איך רעכן ניט וויא ער פאר קויפט אלע מאהל מיט דר קליינר מאס נאר אזוי וויא ער האט איצט פאר קויפט מיט דר גרויסר מאס אונ איז פטור פון מעשר. ווארום רבי מאיר גייט נאר נאך דר מאס וויא ער פאר קויפט איצט. (אזו איז נאך דר גירסא פון רע"ב עס איז דא נאך הגירסא מיט איין אנדר פשט שטייט אין תוי"ט) [איזה היא מדה גסה ביבש שלשת קבין ובלת דינר] וואס ווערט גרופן אגרויסי מאס. בייא אטרוקעני זאך דריי קבין. אונ פון נאסע זאכן (דהיינו אייל וויין) וואס עס איז ווערט איין גילדין [רבי יוסי אומר סלי תאנים וסלי ענבים וקופות של ירק כל זמן שהוא מוכרן אכסרה פטור] רבי יוסי זאגט קערב פייגן אונ קערב וויין טרויבן אונ קערב מיט ירק אז מען פאר קויפט זייא אן אמאס נאר אויפן בימיל וויא פיל מען גיט דר פאר. איז דר מוכר פטור פון מעשר ווארום מן הסתם האט דר לוקח מער ווי פיל עס איז ווערט דאריבר דארף ער געבין דיא מעשר ניט דער מוכר :



מאכילין

פרק ג **מאכילין** את העניים דמאי ואת האכסניא דמאי. רבן גמליאל היה מאכיל את פועליו דמאי. גבאי צדקה. בית שמאי אומרים נותנין את המעושר לשאינו מעשר ואת שאינו מעושר למעשר. נמצאו כל האדם אוכלין מתוקן. וחכמים אומרים גובין סתם ומחלקין סתם והרוצה לתקן יתקן:

**ב** הרוצה לחזום עלי ירק להקל ממשאו לא ישליך עד שיעשר. הלוקח ירק מן השוק ונמלך להחזיר לא

פרק ג **מאכילין את העניים דמאי.** אפילו הן חברים וצריך להודיען והרוצה לעשרן יעשרן: **ואת האכסניא.** חיל של מלך ישראל, העובר ממקום למקום ומוטל על בני המקום לפרנסם מאכילין אותם דמאי בזמן שהיא עוברת אבל אם לנו שם בלילה חייבין לתקן: **רבן גמליאל היה מאכיל את פועליו דמאי.** עניים היו ואין הלכה כר"ג דכיון דחייב במזונותיהן כמאן פרע את חובו בדמאי: **ואת שאינו מעושר למעשר.** ונותנין לו ביותר מכדי מעשרותיו ונמצאו כל האדם אוכלים מתוקן וב"ש לטעמייהו דאמרי אין מאכילין את העניים דמאי: **והרוצה לתקן יתקן.** שלא הותר הדמאי לעניים אלא כשאוכלין אכילה אחת אצל בעל הבית אבל הפירות שבאו לידם חייבים הם לעשרן דמאי. דיקא נמי דקתני מאכילין את העניים דמאי ולא תני העניים אוכלין דמאי כ"כ הרמב"ם: **ב לחזום.** לכרות ולחתך ואין לו דומה במקרא: **להקל ממשאו.** שלא יכבד עליו: **לא ישליך עד שיעשר.** שמא ימצאם עם הארץ ויאכל אותם כשהיכם מתוקנים ונמצא נותן מכשול והכי מילי בירק שנאגד דאי בשלא נאגד אכתי לא אתחייב במעשר: **הלוקח ירק מן השוק.** ונטל אגודות

---

פרק ג (מאכילין את העניים דמאי) מען מעג געבן עסן עניים דמאי (נאר ער דארף זיי זאגין אז דאס איז דמאי אונ ווער עס וועט וועלין מעשרין זאל מעשרין (ואת האכסניא דמאי) אז אחיל פון המלך ישראל גייען דורך פון איין ארט צום אנדערין אונ די מענטשין פון דעם ארט מזין זיי געבן עסין מעג מען זיי געבין עסין דמאי (ר"ג היה מאכיל את פועליו דמאי) רבן גמליאל פלעגט געבן עסן. זיינע פועלים דמאי (גבאי צדקה בית שמאי אומרים נותנין את המעושר לשאינו מעשר ואת שאינו מעושר למעשר) בית שמאי זאגין אז די גבאים גיבין די גימעשרטי צו די עניים וואס גיבין ניט קיין מעשר. אונ די ניט גימעשרטי גיבין זיי צו די עניים וואס גיבין מעשר (נאר מען דארף זיי געבן אביסיל מער וויא פיל זיי וועלין דארפין געבין מעשר (נמצאו כל האדם אוכלין מתוקן) וועט אויס קומען אז אלע וועלין עסין גימעשרטי (וחכמים אומרים גובין סתם ומחלקין סתם והרוצה לתקן יתקן) אונ דיא חכמים זאגין מען נעמט צו זאמען דיא תבואה סתם (אונ מען פרעגט ניט אוב עס איז גימעשרט) אונ מען צו טיילט סתם (מען פרעגט ניט ווער גיט מעשר אונ ווער ניט) אונ ווער עס וועט וועלן זאל געבן מעשר. ווארום דם וואס עס שטייט אז אעני עסט דמאי. דם איז נאר אז ער עסט איין סעודה באיי דעם בעל הבית. אבר אז מען גיט דעם עני אהיים תבואה מוז ער אוך געבן מעשר: ב (הרוצה לחזום עלי ירק להקל ממשאו לא ישליך עד שיעשר) אז איינר טראגט ירק אונ דיא משא איז אים צוא שווער וויל ער אפ שניידן דיא בלעטר פון דיא ירק דיא משא זאל אים גרינגר ווערין. טאר ער ניט אוועק ווארפן דיא בלעטר סיידן ער זאל זייא מעשרין. (ווארום טאמר וועט זייא גפינן איין עם הארץ וועט ער זייא עסין אום גימעשרט. האט דאך דר בעל הבית גטאן אמכשול): (הלוקח ירק מן השוק ונמלך להחזיר לא יחזיר עד שיעשר שאינו מחוסר אלא מנין) ווען איינר קויפט ירק אין גאס

לא יחזור עד שיעשר שאינו (נ"א מעושר) מחוסר אלא מנין · היה עומד ולוקח וראה טוען אחר יפה ממנו מותר להחזיר מפני שלא משך : ג המוצא פירות בדרך ונטלן לאוכלן ונמלך להצניע לא יצניע עד שיעשר · ואם מתחלה נטלן בשביל שלא יאבדו פטור · כל דבר שאין אדם רשאי למכרו דמאי לא ישלח לחבירו דמאי · רבי יוסי מתיר בודאי ובלבד

אגודות ירק בידו שמונקן ידוע כך וכך אגודות בפרוטה ולאחר שנטלן נמלך עליהן להחזירן למוכר : לא יחזור עד שיעשר. ויתן לו דמי המעשר שהוא מפריש דמאי אגבהינהו נעשו שלו ונתחייב עליהן לעשרן: שאינו מעושר אלא מנין. שהי מעושר הוי פירושא מחוסר כלו' כבר קנה אותם בהגבהה ולא היה מחוסר אלא למנותן שכבר היה ידוע כך וכך אגודות בפרוטה : היה עומד ולוקח. ולא נטלם בידו ולא הגביהם : טוען אחר. משאוי אחר של ירקות · ג לא יצניע עד שיעשר. דאסור להוציא מידו דבר שאינו מתוקן : שלא יאבדו. ולא נתכוין לזכות בהן : שאין אדם רשאי למכרו דמאי. כגון במדה דקה דאמרינן בפרקין דלעיל : לא ישלח לחבירו דמאי. בדקה אבל שולח לו בגסה כיון שרשאי למוכרו בגסה : רבי יוסי מתיר. לשלוח לחברו ודאי אפילו בדקה ובלבד שיודיעו ומודה רבי יוסי שבדמאי אסור בדקה ואין הלכה כרבי יוסי :

לסוחן

אונ הט גנומן אין האנט די בינטלאך ירק אונ דעם מקח וויא טייער אבינטיל ירק קאסט הט מען גיוואוסט. מען הט נאר גיבארפט איבר ציילן ווי פיל בינטלאך (הט ער דאך שוין דיא ירק קונה גוועזן). אונ דר נאך הט ער חרטה אונ וויל ניט קויפן אונ גיט זיי אוועק צוריק דעם מוכר איז דר דין ווייל ער הט שוין די ירק קונה גוועזן איז דאך דיא ירק זיינע איז דאס גלייך וויא ער וויל איצט צו ריק פאר קויפן דעם מוכר. דאריבר טאר ער ניט געבן דעם מוכר ביז ער זאל פריער מעשרן. ווארום ער טאר ניט ארויס געבן פון האנט קיין אום גימעשרטי פירות. אונ דעם מוכר וועט ער באצאלן בצאהלן ווי פיל די מעשר איז ווערט ווארום דר מוכר האט דאך גיקענט פאר קויפן מיט דיא מעשר וואלט דאך גיוועזן מער בינטלאך וואלט ער מער געלט גנומן [והיה עומד ולוקח וראה טוען אחר יפה ממנו מותר להחזיר מפני שלא משך] אבער בשעת ער איז גשטאנען ביי דעם קויפן אונ ער הט נאך די ירק ניט גנומן אין האנט הט ער דר זעהן ליגן בעסרי ירק וויא די וואס ער דינגט אונ ער נעמט יעני ירק אונ די גיט ער אוועק. דארף ער ניט מעשרן די וואס ער גיט אוועק. ווייל ער הט נאך די ירק ניט גנומן אין האנט הט ער זייא נאך ניט קונה גיוועזן : ג [המוצא פירות בדרך ונטלן לאוכלן ונמלך להצניע לא יצניע עד שיעשרן] ווען איינר הט געפונען פירות אין וועג אונ ער האט זיי גנומען צום עסין אונ נאך דעם הט ער זיך בעדאכט ער זאל זיי בהאלטן. טאר ער זיי ניט בהאלטין ביז ער זאל זיי מעשרין. ווארום ער טאר ניט אוועק לייגין קיין אום גימעשרטי פירות [ואם מתחלה נטלן בשביל שלא יאבדו פטור] אונ אויב ער הט זיי גנומען זיי זאלין ניט פאר לוירין ווערין (אונ ניט ער זאל זיי זוכה זיין פאר זיך) מעג ער זיי בהאלטין אן גימעשרט (ווארום זיי זענען דאך ניט זיינע) [כל דבר שאין אדם רשאי למכרו דמאי לא ישלח לחבירו דמאי] אלע זאכין וואס דר מענטש טאר ניט זאר קויפן דמאי (דהיינו מיט אקליינע מאס ווי עס איז גישטאנען פרק ב' משנה ה') טאר ער ניט שיקין זיין חבר דמאי. (אבר מיט אגרויסי מאס וואס ער מעג פר קופן דמאי מעג ער שיקין דמאי אויך) [ר' יוסי מתיר בודאי ובלבד שיודיענו] איינר מעג שיקן צום אנדרן פירות וואס זענען געווים ניט

ד לטוחן כותי. לטחי בטוחן התבואה: הרי הן בחזקתן. דלא חשידי שמא החליפו אלו המתוקנים באחרים שאינן מתוקנין: לטוחן עובד כוכבים דמאי.

ולסמיכן אלא הטוחן חיישינן שמא נתחלפה קופה בקופות אחרות של ישראל שכן דראי אבל פירות ליכא למימר שמא החליפן בפירות של ישראל אלא שמא החליפן העובד כוכבים

דעובד כוכבים חשוד להחליף ולבתר דאשכחו יונה בראש הר גריזים לכותים שהיו עובדים אותה. כותי הרי הוא כעובד כוכבים: אצל העובד כוכבים בפירותיו. ופירות של

ובלבד שיודיענו: ד המוליך חטים לטוחן כותי או לטוחן עם הארץ בחזקתן למעשרות ולשביעית. לטוחן עובד כוכבים דמאי. המפקיד פירותיו אצל הכותי או אצל עם הארץ בחזקתן למעשרות ולשביעית. אצל העובד כוכבים כפירותיו. רבי שמעון

בפירותיו לפיכך הרי הן כפירותיו של עובד כוכבים ורבי שמעון סבר דאף בפירות חיישינן שמא נתחלפו בבית העובד כוכבים בפירות של ישראל אחר. שכשם שישראל זה הפקיד

עובד כוכבים פטורים מן המעשר וראשה מפני שדרך בני אדם להוליך קופות רבות של חטים פירותיו ביד העובד כוכבים כך יש לחוש שמא ישראל אחר מן החשודים על המעשרות הפקיד

---

גמעשרט געווארן נאר ער זאל אים זאגן אז מען האט פון זיי ניט גנומן קיין מעשר (וועט דר חבר געבן דר פון מעשר) אבר דמאי טאר ער ניט שיקן אום גימעשרט אפילו ער וועט איהם זאגן אז עס איז ניט גימעשרט. ווייל דמאי איז ביי אמענטשין גרינג האט רבי יוסי מורא טאמר וועט ער פארגעסן צו זאגן אז זיי זענען ניט גמעשרט אונ יענר וועט מיינן ווייל מען האט אים ניט גיזאגט אז זיי זענען ניט גימעשרט מן הסתם האט מען זיי גימעשרט וועט ער דאך עסן אום גימעשרט:

ד [המוליך חטים לטוחן כותי או לטוחן עם הארץ בחזקתן למעשרות ולשביעית] ווען איינר פירט ווייץ צו אמילנר וואס ער איז אכותי אדר איין עם הארץ. זענען די ווייץ אין זייער חזקה אזוי ווי זייא זענען גוועזן פריער. צוא מעשר אונ צוא שביעית אויב זייא זענין גיוועזן גימעשרט אדר זייא זענען ניט גוועזן פון שביעית רעכענט מען זייא איצט אויך אזוי. אונ איך האב ניט מורא טאמר האבן זיי די ווייץ אום גביטן אויף אנדרי ווייץ פון אנדרי מענטשן וואס האבן גיבראכט צו מאלין אונ יעני זענען ניט גיוועזן גימעשרט אדר זיי זענען גיוועזן פון שביעית. ווארום דר כותי אונ דר עם הארץ ווייסן אז אנדרי מענטשין גיבין מעשר אונ אנדרי ניט. דאריבר היטין זיי מען זאל ניט פאר ביטן איינעמס תבואה אויף דעם אנדרענס [לטוחן עובד כוכבים דמאי] אבר אז ער האט גגעבן צו אמילנר וואס ער איז איין עובד כוכבים אפילו ער האט געגעבן גימעשרטי תבואה. זענן איצט די תבואה דמאי. ווארום מען בריינגט צו מאלין גימעשרטי תבואה אונ ניט גימעשרטי. אונ דר עובד כוכבים ווייס ניט קיין חילוק דאריבר שטעלט ער אלע תבואות אין איינם גמעשרטע מיט ניט גימעשרטע. דאריבר דארף יעדר מעשרין פון ספק טאמר האט ער די ניט גימעשרטע [המפקיד פירותיו אצל הכותי או אצל עם הארץ בחזקתן למעשרות ולשביעית] ווען איינר באהאלט זייני פירות ביא הכותי אדר ביא איין עם הארץ זענן זיי אין זייער חזקה (אזוי ווי זיי זענן גוועזן פריער) צו מעשר עני אונ צו שביעית. ווארום זיי מישן ניט אוים די פון אחבר מיט זייערי פירות [אצל העובד כוכבים בפירותיו] אבר אז ער ניט בהאלטין צו איין עובד כוכבים זענן די פירות וויא די פירות פון עכו"ם. אונ מען דארף פון זיי ניט געבין קיין מעשר. ווארום פירות בריינגט מען דאך ניט צו מאלין האט דאך דר עכו"ם נאר דיא פירות פון דעם איין איד וואס ער האט אים געגעבן צו באהאלטין. אונ ער

שמעון אומר דמאי: ה הנותן לפונדקית מעשר את שהוא נותן לה ואת שהוא נוטל ממנה מפני שחשודה לחלוף. א"ר יוסי אין אנו אחראין לרמאין אינו מעשר אלא מה שהוא נוטל ממנה בלבד: ו הנותן להמותו מעשר את שהוא נותן לה ואת שהוא נוטל ממנה מפני שהיא חשודה לחלוף את המתקלקל. א"ר יהודה רוצה היא בתקנת

גם כן בידו ונתחלפו אלו באלו ואין הלכה כר' שמעון: ה לפונדקית. שומרת הפונדק והולכי דרכים מתאכסנים אצלה: מעשר את שהוא נותן לה. דאין חבר מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן: ואת שהוא נוטל ממנה. דאע"ג דע"ה אינו חשוד להחליף כדאמרן לעיל הפונדקי' חשוד' להחליף שהיא מתכוונת לטובה ונותנת מה שהוא יותר יפה לחבר ואומרת בלבה ראוי באכיל מאלי שהוא חם ויפה להבר

ואני אטול את שלו הסר והגרוע: אין אנו אחראין לרמאים. כלומר אין אחריות הרמאים עלינו לשומרם שלא יאכלו דבר שאינו מעושר לפיכך אינו מעשר מה שהוא נותן לה ואם תקנתו הפונדקית לעצמה ותאכלנו כשאין מתוקן אין לחבר מזה כלום ואינו מעשר אלא מה שהוא נוטל בלבד ורבי יוסי סבר דלגזל היא מתכוונת ואין הלכה כרבי יוסי: ו המתקלקל. פת או תבשיל שנתקלקל: אמר רבי יהודה.

בידו'

האט זיי גווים פאר ביטן אויף זייני פּירות וואָרום איין עובד כוכבים איז חשוד צו פאר בייטן דעם אידינס אויף זיינע. דאריבר דארף מען ניט געבן קיין מעשר (וואָרום פּירות פון איין עכו"ם זענן פּטור פון מעשר). [רבי שמעון אומר דמאי] אונ רבי שמעון זאגט אזו ווי דר איד האט איהם געבן צו בהאלטן אזו קען זיין אז נאך איין איד האט איהם אויך געגעבן צו בהאלטן אונ יענעמס פּירות זענן געווען דמאי אונ ער האט צו מישט די פּירות פון די ביידע צו זאמן איז דאך צו מישט געוואָרן מיט דמאי דאריבר דארף ער אפּ שיידן דמאי: ה [הנותן לפונדקית מעשר את שהוא נותן לה ואת שהוא נוטל ממנה מפני שחשודה לחלוף] ווען איינר גיט פּירות צו קאכן צו אשה וואס זי איז איין בעלת אכסניא. מוז ער געבן מעשר פון די פּירות וואס ער גיט איר. (וואָרום אחבר טאר ניט ארוס געבן פּירות וואס זיי זענן ניט גימעשרט). אונ וואס ער נעמט פון איר דארף ער נאך אמאהל מעשרן. וואָרום זי איז אין חשד ווייל זי איז הבעלת אכסניא וויל זי אז דער אורח זאל הנאה האבן פון עסן בייט זי אום די עסן פון אורח אויף איהרע עסן. אונ איהרע עסן זענן דאך דמאי דאריבר דארף ער מעשרן וואס ער נעמט פון איהר. [אמר רבי יוסי אין אנו אחראין לרמאין אינו מעשר אלא מה שהוא נוטל ממנה בלבד] רבי יוסי זאגט דאס וואס זי בייט אום דס עסן מיינט זי ניט די טובה פון אורח נאר זי מיינט איר טובה. זי וויל דאס עסן פון אורח. ווייל זייני זיין בעסר. מיינט זי דאך צו גזלנן אונ פאר אגזלן דארף מען ניט פאר זארגן ער זאל ניט עסן קיין אום גימעשרטי. דאריבר דארף דר אורח ניט מעשרן דאס וואס ער גיט איהר. אונ דר אורח האט ניט קיין עבירה וואס די בעלת אכסניא ועט עסן אום גמעשרטע. וואָרום זאל זי ניט גזלנן. נאר וואס ער נעמט פון איהר דארף ער מעשרן ער זאל ניט עסן אום גמעשרט: ו [הנותן להמותו מעשר את שהוא נותן לה ואת שהוא נוטל ממנה מפני שהיא חשודה לחלוף את המתקלקל] ווען איינר האט אשוויגר איין עם הארץ אונ ער גיט איהר פּירות צו קאכן פון זיינט וועגן. מוז ער אויך געבן מעשר פון די וואס ער גיט איר אונ פון די וואס ער נעמט פון איר. ווייל זי איז אין חשד אוב עס וועט ניט גוט זיין דאס עסן זאל זיא אום בייטן איף איר עסן. [אמר רבי יהודה רוצה היא בתקנת בתה ובושה מתתנה]. זאגט

ירושל' מפרש דקמייתא נמי מלתיה דרבי יהודה היא והכי קאמר מפני שהיא חשודה להחליף את המתקלקל דברי רבי יהודה שרבי יהודה אומר רוצה היא בתקנת בתה וכו': **בנותן לחמותו שביעית.** בנותן לה להאכיל ולבשל בשנת השביעית: **שאינה חשודה להאכיל את בתה שביעית.** דחמירה להו שביעית ואפילו אם יתקלקל לא תחליפנו בפירות שביעית והלכה כרבי יהודה:

**פרק ד הלוקח פירות. בשבת יאכל על פיו.** דאימת שבת עליו שמתיראים לעבור עבירה ולשקר בשבת יותר מבחול: **תרומת מעשר של דמאי.** להכי נקט תרומת מעשר

בתקנת בתה ובושה מחתנה. מודה ר' יהודה בנותן לחמותו שביעית שאינה חשודה להחליף להאכיל את בתה שביעית:

## פרק ד הלוקח

פירות ממי שאינו נאמן על המעשרות ושכח לעשרן (ירוש' שואלו בשבת ואוכלו על פיו) ושואלו בשבת יאכל על פיו. חשכה מוצאי שבת לא יאכל עד שיעשר. לא מצאו אמר לו אחד שאינו נאמן על המעשרות מעושרין הן אוכל על פיו. חשכה מוצאי שבת לא יאכל עד שיעשר. תרומת מעשר של דמאי שחזרה למקומה

ר"ש

---

רבי יהודה (פאר וואס בייט זי איבער) ווייל זיא וויל ער זאל ניט זאגן אויף איר טאכטער אז זיא קען ניט קאכן אונ זי שעמט זיך פאר איר איידים מען זאל אים געבן שלעכטי עסין. [מודה רבי יהודה בנותן לחמותו שביעית שאינה חשודה להחליף להאכיל את בתה שביעית] דס איז רבי יהודה מודה ווען איינר גיט זיין שוויגר פירות צו קאכן. אין יאהר פון שביעית. אונ דיא פירות זענן ניט פון שביעית) איז די שוויגר ניט אין חשד טאמר איז דם עסין שלעכט גיוען אונ זי הט אום גיביטן אויף פירות פון שביעית. ווארום שביעית איז בייא איר אגרוסער איסור אוב זי וואלט אום גביטן אויף פירות שביעית וואלט זי איהם גזאגט אז די פירות זענן שביעית ער זאל ניט עסן אזו ווי דער דין איז צו עסן פירות שביעית:

פרק ד הלוקח פירות ממי שאינו נאמן על המעשרות ושכח לעשרן ושואלו בשבת יאכל על פיו]. ווען איינר הט גקופט פירות פון אמענטשן וואס איז ניט בגלובט אויף מעשרות. אונ ער הט פר געסן מעשר צו געבן. אונ ער פרעגט איהם אום שבת אוב ער הט געגבן מעשר. הט ער געענטפערט ער הט געגעבן. מעג מען עסין די פירות אום שבת. ווארום דר עם הארץ הט מורא צו זאגן אליגין אום שבת: [חשכה מוצאי שבת לא יאכל עד שיעשר]. ווי עס איז שון פינסטער גווארן שבת צו נאכט טאר ער ניט עסין פון די פירות ביז ער נעמט אראפ מעשר (אויף די וואס ער הט געגעסן אום שבת אונ אויף די וואס איז געבליבן. ווארום מען הט נאר געגלובט דעם עם הארץ אום שבת. נאר אויף שבת. ער זאל האבן איין עונג שבת): [לא מצאו אמר לו אחד שאינו נאמן על המעשרות מעושרין הן אוכל על פיו] אז דר וואס הט געקופט די פירות הט ניט געפונן דעם עם הארץ וואס הט פר קופט ער זאל אים פרעגן אוב דיא פירות זענן גמעשרט. נאר איין אנדר עם הארץ וואס איז אויך ניט בגלובט אויף מעשר הט גזאגט (אום שבת) אז ער וייס אז די פירות זענן גמעשרט. איז ער בגלובט אונ מען מעג עסין די פירות אום שבת: [חשכה מוצאי שבת לא יאכל עד שיעשר] אז עס איז פינסטער גווארן שבת צו נאכט טאר מען ניט עסן דיא פירות ביז מען זאל אראפ נעמן מעשר (אזו ווי פריער איז גשטאנן). [תרומת מעשר של דמאי שחזרה למקומה רבי שמעון שזורי אומר אף בחול שואלו

